ומעניין לעניין באותו ענין, וואס דא קומט די הוראה אויך בנוגע צו הפצת המעיינות חוצה, בשעת מען מאנט פון אים אז ער זאל ארויס גיין "אל מחוץ למחנה", צו ריידען מיט אידן בנוגע צו מצה שמורה, און מכירת חמץ, און די אנדערע הכנות צו פסח, ועד"ז בנוגע צו תפילין, וואס לכאורה קאן ער טענה'ן נאך וואס דארף ער ארויס גיין "אל מחוץ למחנה", וואס אין דעם זעלבן צייט וואלט ער געקאנט זיצען און לערנען, און דאווענען מיט כוונות עמוקות.

אויף דעם זאגט מען אין, אז פונקט אזוי ווי דער כהן האט געדארפט טאן די עבודה פון פנים, עד"ז האט ער געדארפט גיין "אל מחוץ למחנה", און ביז ער האט געהאט צייט אויף טאן ביידע ענינים, ביז אפי' ער האט געדארפט בייטען זיינע קליידער, זאגט מען אבער אז ער דארף טאן אויך די עבודה.

בנוגע צו מארגען זונטאג, וואס דאס איז דאך א יום חשוב לעצמו, במילא איז דא דער ענין, אז יעדער איינער וועט זיך משתתף זיין אין דעם ענין פון מבצע תפילין, איז דער וואס וועט דארפן האבן א פאר תפילין, זאל מען זיי געבען במתנה א פאר תפילין על חשבוני, אבער היות וואס מצות טוט מען דאך נישט בחנם, ווארום מען וויל דאך אז עס זאל נישט זיין קיין נהמא דכיסופא, דעריבער זאל מען נעמען פאר יעדער איינער א שקל אדער ווי מען זאגט נישט אין שבת געריעדט א דאלאר, און דאס זאל זיין אלץ זיין השתתפות בזה, און מען זאל נעמען פון אים זיין אדרעס בכדי מען זאל דאס קאנען צו אים שיקען, במילא איז אויף מארגען זאל מען מיט אים לייגען די תפילין, און אויף איבער מארגען זאל ער שוין באקומען זיינע תפילין.

- שיחת ש"פ צו שבה"ג י' ניסן ה'תשל"ב - כט -

און דא איז נאך א ענין, וואס היות אז מארגען האט חשיבות בנוגע לי, און דאס איז בנוגע צו די מנהלים פון די מוסדות, איז די וואס זיינען עומד בראש פון זיי זאלן אריינגיין אויף נעמען געלט פון די קופה וואס ליגט ברשותי, און דאס זאל זיין אלץ השתתפותי אין די מוסדות.

און דאס אלץ זאל זיין מתוך שמחה וטוב לבב, ביז אז מען קומט צו דעם ענין פון "אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה", ווי עס איז ידוע דער פי' פון מגיד אויף דעם, אז "אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה", אז מען דארף דעם "לא" מכבה זיין, וואס דאס גייט אויף די אלע ענינים בלתי מצויים, און עס זאל נאר לייכטן די ענינים רצויים, און ביז עס וועט לייכטען ווי עס איז געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים.



כהנחה פרטית בלתי מוגה